# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**

דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי מרים לאה בת יעקב יהודה ע"ה

### פרשת נח

## לאמיר זיך איבערבעטן

ברוך און בערל האבן געלערנט אין די זעלבע קלאס אין חדר. אבער ברוך האט אפגעמאכט אז "גענוג איז גענוג!" שוין פאר א שטיק צייט וואס בערל האט אים געטשעפעט, אבער דאס מאל איז עס שוין געגאנגען צו ווייט. בערל האט אים פארשעמט - שטארק פארשעמט ווען די גאנצע קלאס האט געהערט. ער האט זיך יעצט געשעמט פון זיין חברים און ברוך האט פשוט נישט געוואלט מוחל זיין בערל. נישט היינט, נישט מארגן, און נישט קיינמאל.

ערב יום כיפור האט בערל גערופן ברוך אים איבערבעטן פאר אים פארשעמען ברבים. אבער ברוך האט אראפגעלייגט די טעלעפאן אן רעדן א ווארט צו אים. ער האט מורא געהאט אז אויב ער וועט עפענען זיין מויל צו רעדן וועט ער אנפאנגען וויינען.

נאך יום טוב איז ברוך צוריק אין חדר און זיך אומוויסנדיג געמאכט פון בערל אזוי ווי ער וואלט נישט דארט געווען. נישט גערעדט צו אים, נישט געשפילט מיט אים. אפילו ווען בערל האט פרובירט צו באפריינדן ברוך איז ברוך ווייטער געגאנגען. ער איז נישט געווען אינטערעסירט אין זיינע טשאטשקעס און ער האט אויך נישט צוריקגעשמייכעלט צו אים. בערל זאל וויסן אז ער גייט נישט זיין א גוטע חבר מיט אים נאכאמאל אזוי שנעל, צוליב זיין פאלשע שמייכל.

עס איז געווען פרייטאג, ערב שבת פרשת נח, און ברוך'ס רבי האט געזאגט א דבר תורה, אזוי ווי יעדע וואך. אבער דאס מאל האט ברוך געשפירט אז די רבי רעדט פונקט צו אים, די דבר תורה איז ממש צוגעפאסט צו זיינע געפילן, און ער האט צוגעלייגט קאפ און גוט אויסגעהערט וואס די רבי האט געהאט צו זאגן.

"אין פרשת נח" האט די רבי אנגעפאנגען, "שטייט אז ווען נח איז ארויס פון די תיבה האט ער געברענגט א קרבן צום באשעפער. און די פסוק זאגט אז ווען ה' האט געשמעקט די גוטע ריח פון די קרבן וואס האט זיך געבראטן איבער די פייער האט ער געזאגט אז ער וועט מער קיינמאל ברענגען א מבול אויף די גאנצע וועלט. די געשמאקע ריח האט געמאכט די באשעפער אזוי פריילעך און צוליב דעם האט ער צוגעזאגט אז ער וועט קיינמאל מער נישט שטראפן די גאנצע וועלט נאכאמאל."

"דאס איז אביסל שווער צו פארשטיין" האט די רבי ווייטער געזאגט. "מיר ווייסן אז דער באשעפער דארף נישט באטעמ'טע געבראטענע פלייש. און עס זיכער איז נישט וויכטיג צו אים ווי גוט עס שמעקט בשעת עס קאכט זיך. וואס מיינט עס אז ה' האט געשמעקט די געשמאקע ריח פון די קרבן און צוליב דעם האט ער געגעבן זיין צוזאג צו די גאנצע וועלט?"

ענטפערט די רבי "די תירוץ איז אז דער באשעפער לערנט אונז אויס ווי אזוי ער וויל מיר זאלן זיך אויפפירן. מיר זאלן זיך לערנען פון אים, און זיך לאזן ווערן איבערגעבעטן דורך קליינע, אומוויכטיגע זאכן. מיר זאלן קענען אוועקקוקן אויף אונזער שווערע געפילן און מוחל זיין! די גמרא (עירובין ס"ה:) זאגט אונז אז דאס איז וואס מיר דארפן זיך לערנען פון די פסוק."

"הקב"ה האט געהאט זייער א גוטע סיבה צו ברענגען א מבול אויף דער וועלט" האט די רבי ווייטער געזאגט, "און אויב מענטשן זינדיגן ווייטער וואלט דער באשעפער געהאט א גוטע סיבה צו ברענגען נאך א מבול. אפילו היינט-צו-טאגס וואלט מען זיך געדארפט זארגן אז אפשר גייט דער באשעפער חרוב מאכן די וועלט מיט א מבול. אבער דער גרויסע באשעפער פון די גאנצע וועלט, דער מלך מלכי המלכים האט זיך געלאזט איבערבעטן מיט די גוטע ריח פון די געבראטענע קרבן, און אונז געגעבן זיין באקאנטן צוזאג אז עס וועט קיינמאל מער נישט קומען א מבול אויף די גאנצע וועלט. דער באשעפער האט דאס געטוען כדי אונז צו לערנען ווי אזוי זיך צו פירן מיט מענטשן וואס טוען שלעכטע זאכן קעגן אונז. מיר זאלן זיך אויך לאזן איבערבעטן דורך די קליינע זאכן, אפילו עס איז נישט וויכטיג, אזוי ווי געשמאקע ריח פון געבראטענע פלייש."

ברוך האט דאס אלעס אויסגעהערט, און ער האט זייער גוט פארשטאנען. 'דער באשעפער וויל אז איך זאל אים נאכמאכן' האט ער געטראכט. 'אויב דער באשעפער קען מוחל זיין דורך א ריח, קען איך זיכער מוחל זיין דורך א שמייכל!'

ביי הפסקה איז ברוך צוגעגאנגען צו בערל מיט א גרויסע שמייכל. "דו האסט מיר געוואלט ווייזן דיין נייע בליי. איך האב זיך איבערגעטראכט, קען איך עס זען? קען איך עס בארגן פאר אביסל?" בערל איז געווען איבערראשט אין די טויש אין ברוך'ס באנעמונג מיט אים, ער איז געווען זייער צופרידן. ער האט גערן געגעבן ברוך די בליי, און זיי האבן ווייטער געשמועסט ווי גוטע חברים. עס האט זיך זייער גוט געשפירט, און ברוך האט געוואוסט אז ער מאכט נאך די וועגן פון ה', וואס וועגן דעם שטייט אט די פסוק אין די פרשה!

**גוט שבת!!**





כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור - פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860